# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**ספר ויקרא**

**נתנדב לרפואת יהודה ארי' לייב בן עליזא**

בתוך שאר חולי ישראל

## פרשת צו

# די ריכטיגע הכנעה

**פרנס השבוע**

נתנדב ע"י

הרבני הנגיד הרה"ח **ר' אברהם שלום קליין** הי"ו

לע"נ העלמה נפש עדינה

**מלכה** ע"ה בת יבל"ח הרב **אברהם שלום** נ"ו

•••

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה,
שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.



לימוד ״תורת אביגדור״ מוקדש לע״נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה״ח המפואר מו״ה ר׳ מיכאל משה יהודה ב״ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע״ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות ״תורת אביגדור״ אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ׳ ערב חג הסוכות תשפ״ב. יהא זכרו ברוך


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור׳ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**

אימעילט: Director@torasavigdor.org

פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת צו

שנה ג׳

# די ריכטיגע הכנעה

## תוכן:

חלק א׳: הכנעה צום אויבערשטן - חלק ב׳: גערדאנקען פון ענוה - חלק ג׳: געדאנקען פון ענוה

## חלק א׳: הכנעה צום אויבערשטן

אין אנהייב פון די וואכנדיגע פרשה, טרעפן מיר א מצוה, וואס מיט׳ן ערשטן בליק זעט עס אויס עטוואס מאדנע - **וְהֵרִים אֶת הַדֶּשֶׁן**. א כהן פון אויבערשטן, וועלכער איז אויסדערוועלט געווארן צו טאן די הייליגסטע ארבעט - וועלכער איז פארנומען א גאנצן טאג צו דינען דעם באשעפער אינ׳ם הויז פונעם באשעפער, פונקט ער איז באפוילן געווארן אוועקצונעמען די איבערגעבליבענע אש פון די קרבנות.

יעצט, מיר פארשטייען גאנץ קלאר, אז די אש דארף ווערן אוועקגענומען. די אש האט זיך דאך געהאלטן אין איין אנזאמלען פון די פילע קרבנות, און נאך א צייט וואלט שוין געווען א גרויסער בארג מיט אש. אודאי האט מען געדארפט אוועקנעמען די אש. אבער פארוואס האט דער כהן אליין דאס געמוזט טאן? אזא מינדערוויכטיגע ארבעט האט דאך א משרת אויך געקענט טוען? עס וואלט געדארפט אזוי שטיין, **ובא העבד והוציא את הדשן** - איינער פון די קנעכט האבן ארויסגענומען די אש.

איז דארפן מיר אוועקגעבן אביסל צייט צו אויסשמועסן די נושא פון כניעה.. מיר ווען אביסל אוועקגיין פון די טעמע, ס׳איז אבער גאר וויכטיג. וס׳איז דא גאר א טייערער ספר, וואס איז געשריבן געווארן פאר מער ווי 800 יאר צוריק אין שפאניע, דורך רבינו בחיי בן יוסף (נישט צו פארטוישן מיט דער רבינו בחיי (בן אשר), וועלכער האט געלעבט עטליכע דורות שפעטער). ס׳איז געשריבן געווארן אין אראביש, און מ׳האט עס דערנאך איבערגעטייטשט אין לשון הקודש. ס׳איז באקאנט אלס דער חובות הלבבות. דער טריקענער אפטייטש דערפון איז, די פליכטן פון די הערצער - עס מיינט אבער די פליכטן פונעם מח; אין לשון הקודש מיינט בעצם דאס ווארט לב דער מח. און כשמו כן הוא, עס הייסט די פליכטן פונעם מח, וויבאלד עס לערנט אונז די פליכטן פון א איד;

וואס ער דארף טראכטן כדי צו ערפילן זיינע פליכטן פונעם מח צום אויבערשטן.

נו, יעצט האט איר זיך געלערנט עפעס גאר וויכטיג. אפילו איר וואלט שוין יעצט אהיימגעגאנגען, איז שוין אויך ווערד געווען צו קומען, וויבאלד איר האט געלערנט איבער א נייער שולחן ערוך וואס איר האט נישט געוואוסט אז עס עקזיסטירט. ס'איז דא איין שולחן ערוך וואס איר קענט שוין - וואס לערנט אויס אלע אייערע פליכטן וואס מ'דארף טוען מיט די הענט, און אמאל מיט די פיס. עס לערנט אויס וואס מ'דארף זאגן מיט'ן מויל, זאכן וואס מ'קען עסן אדער נישט עסן. ווי אזוי צו מאכן כשר'ע געשעפטן, און ווי אזוי מ'דארף טוען מצוות.

יעדער ערליכער איד האט דעם ספר אינדערהיים. אויב פאלגט מען נישט וואס שטייט אין שולחן ערוך, איז מען נישט א ריכטיגער איד. אבער אצינד ווייסט איר אז דאס איז נישט אלעס, וויבאלד עס זענען דא פליכטן פאר'ן מח, וואס די זענען אויך גאר שטארק וויכטיג. און דאס איז וואס דער ספר חובות הלבבות איז געשטעלט אויף. דאס פארבינדונג פון א איד מיט הקדוש ברוך הוא אין אייער אייגענעם מח!

## דער פרק וואס איז נישט אויפ'ן פלאץ

יעצט, ווען איר עפנט אויף א חובות הלבבות, וועט איר טרעפן א גרויסער חלק וואס הייסט שער הכניעה - דער טויער צו אונטערטעניגקייט, וואס דאס זעט אויס אביסל ארויס פון פלאץ פאר דעם ספר. וויבאלד דער אפטייטש פון כניעה, איז זיך האלטן קליין קעגן אנדערע מענטשן. מ'פירט זיך אויף איידעלערהייט. מ'פירט זיך אויף מיט אנדערע מענטשן כאטש ווי זיי וואלטן געווען דיינ'ס גלייכן. מיט'ן ריכטיגן כבוד. מ'טוט זיי נישט וויי. מ'טרעט נישט אויף זייערע געפילן. מ'האלט זיך נישט גרויס או"וו.

דער אמת איז, אז ווען מ'קוקט אין אנדערע ספרים וואס רעדן פון דעם ענין, וועט מען זען אז זיי רעדן פון בין אדם לחבירו, צווישן איין מענטש און צווייטן. א מאן זאל זיך האלטן קליין צו זיין פרוי. א פרוי זאל זיך האלטן קליין צו איר מאן. שכנים זאלן זיך האלטן קליין איינער צום אנדערן. קינדער זאלן זיך האלטן קליין קעגן זייערע עלטערן. מ'זאל זיך האלטן קליין קעגן די רבי'ס און מורי דרך. מ'זאל זיך האלטן קליין פאר'ן קעניג. מ'זאל האבן דרך ארץ פאר די רעגירונג. דאס מיינט כניעה אין אלע ספרים.

נו, אויב אזוי, וואו קומט שער הכניעה אריין אין חובות הלבבות, ווען דאס איז א ספר וואס געבט זיך אפ מיט די פליכטן פונעם מח קעגן דעם באשעפער? וואספארא שייכות האט שער הכניעה מיט אזא ספר?

נאר מיר זעען, אז דער חובות הלבבות האט א גאנץ אנדערע מיינונג ווען ער רעדט פון כניעה. ער דערמאנט עס נישט אלס עפעס וואס איז בין אדם לחבירו. דאס קען אפילו א רשע גמור אויך טוען! כאטש ער איז א רשע, האט ער זיך געלערנט זיך אויפצופירן מענטשליך ווען ער האנדלט מיט אנדערע.

לאמיר זאגן איינער איז דער וויצע פרעזידענט פון א באנק, וועלכער דארף כסדר אויסהערן

אלע טענות פון די קליענטן. מענטשן רופן אים טעלעפאניש זיך אפצורעדן; מענטשן קומען אריין אין זיין אפיס מיט טענות. טיילמאל אפילו מיט גאר נארישע טענות. אבער אויב דער וויצע פרעזידענט, וועט זאגן הויך וואס ער טראכט, וועט ער פארלירן ביזנעס. ער ווייסט אז "דער קליענט איז אלעמאל גערעכט", און אזוי לערנט ער זיך צו זיין אן עניו. עס מוז אפילו נישט זיין אז ער געבט נאך יעדן וואס ער וויל, ער מוז אבער זיין העפליך צו יעדן איינעם. אודאי ווען יענער וועט ארויסגיין פון זיין אפיס, וועט ער נישט האבן צו איידעלע ווערטער צו זאגן אויף יענעם, ער האט זיך אבער געלערנט אז ער מוז זיין העפליך, וויבאלד ער וויל מצליח זיין.

יעצט, ס'איז מעגליך אז דער וויצע פרעזידענט פון די באנק, אדער דער נאכגעביגער גראסערי מאן, גלייבט נישט אין אויבערשטן. ער גלייבט אבער אין האבן קליענטן, ער גלייבט אין מאכן געלט... אבער וואס האט דאס צוטוען מיט'ן באשעפער? עס קען גאנץ מעגליך זיין אז גארנישט! דאס הייסט, אז א מענטש קען זיין א רשע, און פונדעסטוועגן זיין אן עניו.

און דאס איז די סיבה, פארוואס דער חובות הלבבות רעדט נישט פון דעם. דער חובות הלבבות רעדט נישט פון בין אדם לחבירו. שער הכניעה איז געשטעלט בלויז אויף בין אדם למקום.

קען דאך א מענטש זאגן, "נו, דאס איז דאך אזוי גרינג. ווער איז דען נישט אן עניו צום אויבערשטן?" עס קען דאך נישט זיין אנדערש! צו א קליענט איז טאקע נישט אזוי גרינג זיך צו האלטן קליין, אבער צום אויבערשטן? וואס איז די פראגע?" אויסער אויב ח"ו ער איז א כופר; אבער איינער וואס גלייבט אין אויבערשטן, האלט זיך זיכער קליין צום אויבערשטן? ווער אין די וועלט וועט זיך דען האלטן גרויס קעגן אויבערשטן?

דער תירוץ איז אבער, יעדער איינער! און דאס איז דער ריכטיגער תירוץ! וויבאלד די באציאונגען פון א מענטש צום אויבערשטן, איז גאר א טיפער ענין. איך זאג טיף, וויבאלד קיינער ווייסט נישט וואס טוט זיך טיף אין א צווייטנ'ס נשמה. ירמי' הנביא זאגט (יז, ט), **עָקֹב הַלֵּב מִכֹּל וְאָנֻשׁ הוּא**, דאס הארץ פונעם מענטש קען אפילו זיין טיף פארקרומט, עס איז אבער אזוי קאמפליצירט, אז **מִי יֵדָעֶנּוּ**, ווער ווייסט דען וואס טוט זיך? און מ'קען טאקע נישט וויסן.

דער אמת איז, אז יעדער מענטש האלט זיך גרויס קעגן דעם אויבערשטן. און כאטש מיט'ן מויל זאגט ער שיינע ווערטער, "איך בוק מיך צו דיר באשעפער", "איך בין גארנישט קעגן דיר", אבער טיף אין הארצן, בוקט ער זיך נאר צו זיך אליין. טיף אינעווייניג האלט ער, אז עס איז נישטא קיין פלאץ פאר ביידע...

אזוי זאגט די גמרא (סוטה ה.), **אמר הקדוש ברוך הוא אין אני והוא יכולין לדור בעולם**, איך קען מיט דעם מענטש נישט וואוינען צוזאמען אויף דער וועלט. "די וועלט איז צו קליין פאר אונז ביידע. ער וויל מיך ארויסרוקן פון די וועלט! אויב ער וואלט געקענט, וואלט ער זיך אנגעבלאזן ווי א גרויסער באלאן, און ער וואלט אנגעפילט די גאנצע וועלט".

דאס איז די נאטור פון א מענטש. **אני ואפסי עוד** - נאר עפעס וואס מאכט א חילוק פאר מיר איז וויכטיג, און גארנישט עפעס אנדערש. יעדער מענטש! אפילו איינער וואס איז א

צדיק וואס דאווענט און טוט מצוות; ער דינט דעם אויבערשטן א גאנצן טאג, נישט קיין חילוק. אזוי ווייט ווי ער ווייסט, איז ער נאכאלץ דער וויכטיגסטער מענטש אויף די גאנצע וועלט, און אפילו דער באשעפער איז אים ווי א שווערער עול. און ער פארנעמט אויך פלאץ.

און דאס איז דער טעם פארוואס א מענטש דארף כסדר ארבעטן אויף זיך, זיך צו האלטן קליין פאר'ן אויבערשטן. אפילו דער כהן, וועלכער טוט די עבודה אין בית המקדש א גאנצן טאג, הייסט מען אים אנטוען אנדערע קליידער - ער טוט אויס די בגדי כהונה, און ער טוט אן ארבעטס קליידער און ער טראגט ארויס די שמוציגע אש. דאס זאגט אונז דער חובות הלבבות וועגן די דאזיגע מצוה. די מצוה איז געגעבן געווארן טאקע פאר'ן כהן, וויבאלד השי"ת וויל אז דער מענטש זאל זיין דאס בעסטע וואס ער קען זיין, נישט נאר די עבודה זאל זיין גוט. די קרבנות, די זריקת הדם, און אלע אנדערע עבודות איז טאקע אלעס וואויל און גוט, ס'איז אבער גארנישט, אויב ווערט עס נישט געטוען מיט ענוה און הכנעה, מיט די ריכטיגע אנערקענונג פאר ווען מ'טוט די הייליגע עבודה.

דעריבער האט דער כהן געדארפט טוען אזא ביליגע עבודה יעדן איינציגסטן טאג, ארויסצוטראגן די אש, כדי זיך צו האלטן קליין, און אוועקנעמען יעדעס ביסל גאוה פון זיין הארץ. וויבאלד נישט קיין חילוק ווי א גרויסער מענטש ער איז - אפילו ער איז דער כהן וואס דינט דעם אויבערשטן אין בית המקדש - איז נאכאלץ די הכנעה צום אויבערשטן, איינס פון די וויכטיגסטע דערגרייכונגען. דאס איז די אמת'דיגע קרוין פון אן עבד ה'.

איינער פון די גרויסע כהנים אין אונזער היסטאריע, האט טאקע אלעמאל זיך אזוי געפירט. דער חפץ חיים איז געווען א געוואלדיגער עובד ה', ער איז געווען בארימט דערמיט. ווען ער איז שוין געווען אן אלטער מענטש, האט מען אים געהאלפן גיין פון איין פלאץ צום צווייטן. האט מען אונטערגעהערט, ווי ער רעדט צו זיך אליין, "שלעפ די נבילה! שלעפ די נבילה!" ער האט זיך געהאלטן אין איין דערמאנען, אז ער איז גארנישט ספעציעל.

יעדעס ברעקל הכנעה צו השי"ת איז אזוי טייער. עס ארבעט אויס דעם מענטש מער און מער, און עס איז קיינמאל נישט גענוג. וויפיל עס איז נאר מעגליך, דערמאנט מען זיך, אז נישט קיין חילוק וואס און וויפיל מ'האט אויפגעטוען, ווי גרויס דו זאלסט נאר נישט זיין - און דו ביסט טאקע גרויס! - אבער פאר'ן אויבערשטן ביסטו גארנישט.

דאס איז די סיבה, פארוואס מיר טרעפן, אז דוד המלך האט גערעדט צו זיך אליין אלעמאל, און געזאגט (תהלים כב, ז), **וְאָנֹכִי תוֹלַעַת וְלֹא אִישׁ** - און איך בין א ווארים און נישט קיין מענטש. ס'איז נישט געווען קיין חילוק, צי ער איז געווען א קליין יונגל אין פעלד וועלכער האט געפאשעט זיין טאטנ'ס שאף, אדער דער קעניג פון דאס אידיש פאלק זיצנדיג אויף זיין כסא מלוכה. ער האט זיך כסדר דערמאנט, "איך בין א קליין ווערימל".

יעצט, זיך פארצושטעלן אז מ'איז א ווארים, איז שווער אפילו פאר איינער וואס איז טאקע גארנישט. קוק דיך אן בשעת דו שפאצירסט אזוי אין די גאס; דו האסט א זייגער אויף די האנט; א שיינער פעדער אין טאש; מיט שיינע ברילן. דו האסט א בערזל מיט געלט, און אפשר גאר א טשעק ביכל אין טאש. דו האסט אלעס וואס דו דארפסט. קענסטו דיך פארשטעלן אז

דו ביסט א ווערימל?! א שלייערל וואס שלענגלט זיך אראפ אויף די גאס נאכדעם ווי עס איז אראפגעפאלן פון בוים? דער גרויסער דוד המלך האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות זיך אזוי אנצוקוקן, און עס איז אים געלונגען.

יעצט, מיר קענען זאגן די ווערטער. סתם צו זאגן די ווערטער איז גרינג. "ווארים" "נבילה" - עס הערט זיך אפילו גאר געהויבן אזוי צו רעדן... אבער ווען א מענטש זאגט די ווערטער, און טיף אין הארצן מיינט ער נישט וואס ער זאגט, וויבאלד ער איז צופרידן מיט זיך, און פארקערט גאר, ער פילט זיך נאך גרעסער וויבאלד ער זאגט אזעלכע ווערטער... איז עס גארנישט ווערד. עס דארף אסאך ארבעט צו זאגן אזעלכע ווערטער און באמת האלטן דערביי, וויבאלד מיר זענען אינגאנצן פאר'שיכור'ט מיט גאוה, און אנגעטרונקען מיט זעלבסט וויכטיגקייט.

אבער גרויסע לייט - און אזעלכע וואס ווילן זיין גרויס - ארבעטן אויף זיך. זיי לערנען זיך אפ פון די מצוה פון תרומת הדשן, און זוכן וועגן זיך צו מאכן מער און מער קליין פאר'ן אויבערשטן. וויבאלד זיי ווייסן אז דער גרעסטער טעות איז, צו פארגעסן אז מ'איז גארנישט און פארגלייך צום הייליגן באשעפער. און דעריבער איז דאס איינס פון אונזערע גרעסטע פליכטן אויף דער וועלט, פון די וויכטיגסטע פליכטן פונעם מח, איז זיך צו האלטן קליין פאר'ן איין איינציגן באשעפער וואס האט אונז באשאפן.

# חלק ב': געדאנקען פון ענוה

ס'איז נישט קיין שאלה, אז סיי וועלכע ענוה א מענטש קען באקומען, איז ווערד. אפילו אויב איינער האלט זיך בענוה פאר איין מינוט אין זיין לעבן, און דערנאך איז ער א בעל גאוה פאר זיין גאנץ לעבן, איז עס אויך ווערד. כאטש אין די איינע מינוט האסטו געלעבט! ס'איז אויך עפעס! מיר רעדן אבער דא נישט פון מינוטן, מיר רעדן דא פון קונה זיין די געוואלדיגע מדה פון ענוה. אהה! צו ווערן איינער וואס איז נכנע צו השי"ת; דאס איז איינס פון די גרעסטע דערגרייכונגען צו וואס א מענטש קען נאר אנקומען; און פאר גרויסע דערגרייכונגען דארף מען קריכן אויף הויכע בערג!

לאמיר צולייגן א וואכזאם אויער צו די ווערטער פון אונזערע הייליגע חכמים אויף דעם ענין, וויבאלד זיי זענען די וועלכע קענען אונז די בעסטע מדריך זיין און פירן אויפ'ן וועג אנצוקומען צו די גרויסע מדריגה. דאס איז א מאמר וואס ווערט געברענגט אין מדרש (שהש"ר א, ט), **מה שעשתה חכמה עטרה לראשה עשתה ענוה סנדל לעקבה** - וואס חכמה האט געמאכט א קרוין פאר'ן קאפ, האט ענוה געמאכט א זויל פאר'ן שוך. אין אנדערע ווערטער, ווען א מענטש דערגרייכט זיין ציל - די קרוין פון קלוגשאפט, ערשט דעמאלט קען זיך אנהייבן די ריכטיגע ווערדפולע ענוה.

יעצט לייגט צו קאפ צו וואס עס שטייט, וויבאלד ס'איז נישט סתם ווערטער. דא ליגט דער סוד פון דערגרייכן א געפיל פון הכנעה צו השי"ת. און ס'איז א פראצעדור, צום ערשט דארף מען דערגרייכן די קרוין פון חכמה, און נאר דאן קען מען זיין א ריכטיגער עניו.

נו, אויב אזוי דארף מען וויסן, וואס איז די קרוין פון חכמה? וואס איז די גרעסטע חכמה? דער תירוץ שטייט שוין אין פסוק, **ראשית חכמה** - וואס איז די העכסטע מדריגה פון חכמה? **יראת ה'** - מורא האבן פון באשעפער. כסדר טראכטן פון אויבערשטן, דאס איז יראת ה', און דאס איז די קרוין פון חכמה.

עס מיינט נישט אז עס איז נישטא קיין אנדערע חכמה אין די וועלט. דאס איז אבער די העכסטע. סיי וועלכע אנדערע חכמה דו וועסט דערגרייכן אין די וועלט, שטייט יראת שמים העכער. דאס איז די קרוין פון אלע חכמות. צו אנערקענען דאס גרויסקייט פון השי"ת, איז א געוואלדיגע גרויסע דערגרייכונג. ס'איז א קרוין פון וואס מ'קען זיין שטאלץ.

אבער דא קומען אונזערע חכמים, און זאגן אונז עפעס גאר איבערראשנד. יענע גרויסע דערגרייכונג, די קרוין פון חכמה וואס איז יראת ה', איז נאר דער אנהייב פון עפעס וואס איז נאך פיל גרעסער. יראת ה' איז דער זויל פון ענוה!

יראת ה' איז טאקע גאר א גרויסע זאך פאר זיך אליין - עס איז דאך די קרוין פון חכמה - אבער מיר לערנען דא, אז דאס איז ווי ארויפצוקריכן אויף א הויכער בארג. עס קאסט פילע כוחות, אבער ענדליך קומט מען אן. מ'האט דערגרייכט דעם שפיץ. און יעצט כאפסטו אז ס'איז דא נאך א בארג אויף דעם בארג. דער שפיץ פון דעם בארג, איז דער אונטערשטער חלק פון אן אנדערער בארג, דער בארג פון כניעה. און יעצט הייבט זיך אן א פרישע ארבעט. יעצט, אז דו אנערקענסט שוין דעם באשעפער'ס גרויסקייט, ביסטו גרייט צו זיין נכנע אונטער אים.

איין מאל מיר הייבן אן צו אנערקענען דאס גרויסקייט פון אויבערשטן, זעען מיר ווי קליין און נישטיג מיר זענען. אזוי זאגן מיר טאקע: **רוממו ה' אלקינו** - הייבט אויף דעם באשעפער אין אונזער מח; דאס איז איין זאך; **והשתחוו** - און בוק זיך, מאך זיך נידריג, שחה מיינט זיך אראפבייגן. ס'איז נישט צוויי אנדערע זאכן, ס'איז איין זאך. ווי מער דו דערהייבסט דעם באשעפער אין דיין מח, אלס קלענער פילסטו זיך.

וואס דעריבער איז גאר וויכטיג, פון די וויכטיגסטע זאכן, אנצוהייבן צו טראכטן איבער די גרויסקייט פונעם באשעפער, ווייל אויב נישט איז עס בלויז ליידיגע ווערטער. א מענטש דארף פארשטיין, אז קעגן דעם אויבערשטן איז ער גארנישט. דאס מיינט, סיי טראכטן וועגן דעם אויבערשטן, רעדן וועגן דעם אויבערשטן, און ווערן מער און מער באוואוסטזיניג פון זיין גרויסקייט.

דאס הייסט, אז מיר דארפן לערנען וועגן דאס גרויסקייט פון השי"ת. מיר דארפן לערנען דערוועגן נאך און נאך. **דור לדור ישבח מעשיך** - איר דארפט רעדן וועגן דעם מיט אייערע קינדער. איר דארפט איבערגעבן וואס איר האט געהערט פון אייער טאטע, און כסדר רעדן דערפון. דאס איז אונזער ציל אין לעבן, צו אנערקענען דאס גרויסקייט פונעם הייליגן באשעפער.

און זאג נישט, אז דאס איז סתם גערעדט ווערטער. זאג נישט, מאי קמשמע לן? מיר ווייסן דאס שוין. ניין! דו ווייסט נישט, און דו הייבסט נישט אן צו וויסן. איך וועל אייך זאגן פארוואס. ווייל איר האט זיך קיינמאל נישט אריינגעלייגט דערין. איר האט קיינמאל נישט פארברענגט

קיין איבריגע פינף מינוט דערויף.

מ'דארף דאס חזר'ן. מ'דארף אלעס חזר'ן. מיין נישט אז דו דארפסט נאר לערנען תורה. ניין! דו דארפסט לערנען אלעס ארום און ארום, כדי צו אנערקענען דאס גרויסקייט פון אויבערשטן. ס'איז וואונדערליך, אז ווען א מענטש עפנט זיך פשוט די אויגן צו קוקן אויף דעם אויבערשטנ'ס בריאה, וועט ער זען אין אלע זייטן, ווי אלעס איז מיט א גענויער חשבון און א ציל. וואו מ'קוקט נאר, זעט מען גדלות הבורא. און וואס מער גדלות מ'זעט, אלץ מער ווערט דער מענטש פול מיט ענוה און הכנעה.

איינער פון דא האט מיך אמאל דערציילט, אז ער איז געגאנגען זען דער "גרענד קעניאן". ער האט מיך נישט געפרעגט פאר דעם צי ער זאל גיין... ער איז געגאנגען. ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער מיר נאכדערציילט ווי אזוי עס האט אויסגעזען, זאגנדיג, אז ער איז געשטאנען ביים עק, קוקנדיג אינגאנצן פארגאפט אויף די הערליכקייט פון די סצענע. ער איז געווען גענצליך איבערגענומען, און עס האט געלאזט אויף אים א מורא'דיגער רושם. אזא גרויסער שפאלט אין די ערד!

אבער דער אמת איז, אז דאס איז אויך גארנישט. ס'איז בלויז א שפאלט! אויב וועסטו ארויפגיין אויף די לבנה און אראפקוקן, וועסטו אויך זען נישט מער ווי א שפאלט. דו וועסט בכלל נישט זען א קעניאן! ס'איז בלויז א שפאלט אין איין קלענער פלאנעט צווישן טריליאנען. פאר'ן אויבערשטן איז דאס ממש גארנישט.

דער "גרענד קעניאן" איז אבער א גרויסע זאך פאר אונז מענטשן. פארוואס? ווייל עס איז א גרויסע זאך פאר אונז! און פארדעם איז עס טאקע דא. און פארדעם זענען דא די גרויסע בערג און די גרויסע ימים. שטעל דיך פאר, אז דו ביסט עפעס א גרויסער פארשער מיט זיינע נאכפאלגער, וועלכער קומט אן צום גרויסן מיסיסיפי ים. א געוואלדיגער גרויסער ים. מ'קריכט ארויף אויף די זייט אין די הייך, און מ'זעט דעם גאנצן ים אויפאמאל. דיין מח ווערט אינגאנצן באגייסטערט. אזא געוואלדיגער מעכטיגער ים. נו, אזא געוואלדיגער מעכטיגער ים מוז דאך האבן א מעכטיגער באשעפער. איך זאג נישט אז מ'דארף גיין צום גרענד קעניאן, אדער צום מיסיסיפי ים... עס קאסט אסאך צייט און געלט אנצוקומען אהין. ס'איז צופיל. עס וואלט אבער ווערד געווען ווען מ'קען עס טוען. דו קענסט כאפן א שפאציר ארום די בלאק, און געבן א גוטן קוק. אפילו "ניאגארא פאלס" איז צופיל! ווען מ'פרעגט מיך וועגן א בית יעקב היי-סקול, צי מ'זאל נעמען די תלמידות אויף אן אויספלוג צו "ניאגארא פאלס", האב איך עס נישט ליב. מ'דארף פארן אזוי ווייט, און אויסגעבן אזוי פיל געלט צו זען נפלאות הבורא?!

דער אמת איז, אז ס'איז נאר דער יצר הרע, וועלכער מאכט יעדן אומצופרידן מיט וואס זיי האבן. ס'איז כמעט אוממעגליך צו טרעפן א מענטש, וואס איז באמת צופרידן מיט וואס ער האט. מענטשן קענען אפשר זאגן, "איך בין צופרידן", זיי זענען אבער נישט. וואס דעריבער זוכן זיי כסדר עפעס אנדערש. פארדעם פארט מען קיין "ניאגארא פאלס"! איר קענט אפשר האלטן אנדערש. אבער איך זאג אייך, אז דאס איז די סיבה פארוואס מענטשן פארן קיין

"ניאגארא פאלס". ס'איז דער יצר הרע וואס מאכט אייך אומצופרידן. אודאי, אויב האט איר א שולע, מוזט איר זיך אביסל בייגן צום יצר הרע, כדי אז מער תלמידות זאלן קומען צו אייער שולע. יעדעס יאר מוז מען האבן אן אויספלוג, כדי צו באקומען נייע תלמידות.

אבער באמת איז עס גארנישט. איר וועט דארט נישט טרעפן קיין צופרידנהייט. ווען מיינט עס יא עפעס? אויב שטודירט איר דאס כדי צו ווערן נכנע אונטער'ן אויבערשטן! און איך מיין נישט נאר כדי צו זאגן, "אָאָה! און אַאַה!" מיר רעדן דא וועגן אנפילן די מוחות מיט מדריגות פון גדלות ה', מיט זיין מעכטיגקייט און פונקטליכקייט. עס וועט דיר פשוט מאכן זיך אפשטעלן, און זיך מתבונן זיין. דו וועסט באקומען נייע השגות אין די גדלות פון הקדוש ברוך הוא. וויבאלד מענטשן מיינען אז זיי זענען עפעס. מ'כאפט בכלל נישט ווי נישטיג מ'איז. און כדי צו זען עפעס קעגן דיין גאוה, דארפסטו זען גדלות השם.

צוליב דעם האט השי"ת געמאכט דער גרויסער ליידיגער חלל, וואס מיר קענען אלס "ספעיס". דאס איז אזוי וויכטיג, אז וואו מ'גייט נאר איז עס דא. מ'דארף נישט פארן קיין ניאגארא פאלס, אדער צום מיסיסיפי ים. וויבאלד, נישט קיין חילוק וואו דו ביסט, איז אלעמאל דא די געוואלדיגע גרויסע "ספעיס" העכער דיר. פארשער זאגן אז ספעיס ענדיגט זיך נישט. דאס איז אבער נישט אמת. וויבאלד יעדע זאך וואס איז א דבר גשמי האט א סוף. ס'איז אבער כמעט אזוי. אויב קוקט מען ארויף מיט א טעלעסקאופ, זעט מען נישט קיין סוף. ווען מ'קוקט ארויף און מ'זעט אזוי פיל ביליאנען מיילן, ביליאנען ליכט-יארן וואס מ'קען אפילו נישט אויסרעכענען. אלע חשבונות וועלן זיך ענדיגן, אבער ספעיס גייט ווייטער, וויבאלד עס איז אזוי ריזיג, כמעט ווי ענדלאז.

שטעל דיך פאר, אויב וואלסטו ארויסגעפארן מיט א ספעיס שאטל פאר דיין בר מצוה, סתם כדי צוצופארן צו א געוויסער שטערן, נאך איידער דו וועסט אפילו אנקומען אהין, וועסטו שוין האבן א לאנגע ווייסע בארד. דו וועסט שוין זיין גאר אן אלטער מענטש, און דו וועסט נאך נישט האבן אנגעקומען אפילו א האלבער וועג.

טייל ערטער זענען אזוי ווייט אוועק, אז דיין אור-אור-אור-אייניקל ווען נישט אנקומען אהין אפילו ווען דער שאטל פארט אזוי שנעל ווי לעכטיגקייט קען גיין. איר הערט? אזוי ווייט אוועק איז עס! אזוי ווייט ווי דו קענסט נאר טראכטן, איז עס נאך ווייטער.

ישעי' הנביא האט געזאגט (ישעי' מ, כו), **שְׂאוּ מָרוֹם עֵינֵיכֶם** - הייבט אויף אייערע אויגן הויך, **וּרְאוּ מִי בָרָא אֵלֶּה** - און קוקט ווער עס האט דאס אלעס באשאפן. איר הערט וואס דער נביא ישעי' הייסט? הייבט אויף דעם קאפ און קוקט ארויף אין הימל, און ווערט פארגאפט פון די בריאה פון באשעפער. פון די געוואלדיגע גרויסקייט פון ספעיס, קענסטו כאטש אביסל פארשטיין די גרויסקייט פון דער וואס האט דאס באשאפן. דאס איז אבער נאר א קליין ביסל. פארוואס? ווייל די גאנצע בריאה איז עפעס וואס איך וועל געבן משל דערצו, וואס איז בעצם אויך נישט אמת... ס'איז ווייט נישט גענוג. איך וועל עס אבער דאך זאגן.

די גאנצע בריאה, די אלע טריליאנען מאל טריליאנען מייל, איז נישט מער ווי איין קליין אדערל פון כביכול - פון הקדוש ברוך הוא. די גאנצע בריאה, פון איין עק צום צווייטן - אויב

ס'איז בכלל דא אן עק - איז איין קליין אדערל... אודאי האט דער באשעפער נישט קיין גוף ח"ו, ס'איז אבער נאר א משל. דער געוואלדיגער גרויסער חלל פון ספעיס, וואס ווער ווייסט וואו עס ענדיגט זיך, איז אבער ממש גארנישט קעגן די גרויסקייט פון הקדוש ברוך הוא.

ישעי' הנביא זאגט אונז אבער, אז דאס איז ספעציעל אזוי באשאפן געווארן, אונז צו העלפן פארשטיין דאס גרויסקייט פונעם איין אייניציגן בורא וואס האט דאס באשאפן. איר הערט וואס דא טוט זיך? די טריליאנען מייל פון ליידיגע ספעיס, די טריליאנען שטערן, איז באשאפן געווארן בלויז פאר'ן מענטש, אז ער זאל אביסל פארשטיין גדלות הבורא, און ווי קליין און נישטיג ער איז קעגן דעם באשעפער. דעריבער איינער וואס טראכט, קוקט כסדר ארויף אויפ'ן הימל און טראכט אריין, און ער ווערט נכנע. איר האט עס נאך קיינמאל נישט געטוען? טוט עס איין מאל. ווען קיינער קוקט נישט, הייבט אויף די אויגן צום הימל, און זאגט, "קוק ווי ווייט דאס איז! ס'איז אזוי גרויס, אזוי מעכטיג! און דאס איז נאר א קליינער גארנישט פון אויבערשטן. ממילא ווער בין איך קעגן דעם באשעפער? א קליינער גארנישט!"

## חלק ג': געדאנקען פון ענוה

בשעת איך זאג די ווערטער, ווייס איך אז עס וועלן זיין מענטשן וואס וועלן אויסהערן אזעלכע ווערטער מיט פארדאכט. אויב איר גייט ארויס אין די גאס, וועט איר טרעפן מענטשן וואס וועלן דאס אוועקמאכן. אודאי, פארוואס זאל ער זיך לאזן איבעררעדן אזוי אנצוגיין מיט זיין לעבן, צו האלטן אין איין טראכטן פון אויבערשטן און זיך מאכן קליין? ס'איז גרינגער אן דעם... ער האט דאך זיינע אייגענע געשעפטן צו ערלעדיגן. ער קען באשטיין צו געבן אביסל מעשר, אדער נאך אביסל ווייניגער, צו אנערקענען דעם באשעפער... עפעס יא, ער וויל אבער לעבן א נארמאל לעבן.

אבער אצינד לערנען מיר, אז דאס איז די מערסטע נארמאל לעבן וואס מ'קען לעבן, צו טראכטן אזוי פיל פון באשעפער, צו זיין אינגאנצן נכנע אונטער אים. מ'דארף ממש פילן א געפיל, פון "איך שטיי פאר'ן באשעפער און איך בין ממש גארנישט!" בעצם איז דאס דער בעסטער וועג צו לעבן, וויבאלד עס איז נישטא עפעס וואס איז מער אמת ווי דאס.

אבער כאטש עס איז טאקע גאר וויכטיג צו פארברענגען יעדן טאג אביסל צייט אויפ'ן ענין פון כניעה צו הקדוש ברוך הוא - און ווי ווייט מעגליך זאל מען זען כאטש עטליכע מינוט א טאג, אריינצוטראכטן אין די גרויסקייט פון באשעפער און דאס נוצן צוצוברענגען צו כניעה - אבער וויבאלד דאס איז אן ענין פון דעת, און עס איז נישט אזוי גרינג אריינצוטראכטן אזוי פיל, איז סיי וועלכע זאך עס קען העלפן דערצו זאל מען אויסנוצן. צו זיין גענצליך נכנע אונטער'ן אויבערשטן איז אזא געוואלדיגע זאך, אז מ'דארף אנכאפן וואס מ'קען נאר כדי אנצוקומען דערצו.

אינ'ם פערטן פרק פון שער הכניעה, לערנט אונז דער חובות הלבבות, אז עס זענען דא זיבן וועגן ווי אזוי א מענטש דארף זיך אויפפירן אלס פועל יוצא פון כניעה. איך זאג טאקע פועל

יוצא, אבער באמת איז עס מער פון דעם. ווייל ווי מער מ'טוט די זאכן ווערט מען טאקע מער נכנע און מער בענוה. דאס איז א וויכטיגע זאך צו געדענקען, אז **האדם נפעל כפי פעולותיו** - אלעס וואס א מענטש טוט האט א השפעה אויף אים. דעריבער, סיי אויב דו ביסט א מענטש וואס איז ריכטיג בענוה, און אפילו דו האלטסט נאכנישט דארט, דו ווילסט אבער אנקומען אהין, קענען דיר די ענינים צונוץ קומען. און וואס מער דו פירסט דיך אזוי אויף, ווערט דאס ווי איבונגען אין ענוה - דו בויסט אויף דיינע כוחות אין כניעה.

מיר האבן נישט קיין צייט דא אדורכצוגיין אלע זיבן זאכן, און אפילו די וואס מיר וועלן יא דערמאנען, דארף מען אסאך מער מסביר זיין. ס'איז אבער א גוטע התחלה. מיר וועלן רעדן איבער טייל וועגן וואס א מענטש קען אויסנוצן געלעגנהייטן אינ'ם טאג-טעגליכן לעבן, כדי קונה צו זיין די מדה פון כניעה.

די ערשטע זאך איז, **במשאו ומתנו עם אנשי דורו** - ווי אזוי מ'האנדלט און מ'פירט זיך אויף מיט אנדערע מענטשן, **ובמנהג הטוב עם בני מינו** - און ווי אזוי זיין אויפפירונג איז מיט אנדערע מענטשן. דאס מיינט, אז איינער וואס פירט זיך נישט אויף ריכטיג מיט אנדערע מענטשן, איז א סימן אז ער איז נישט נכנע צו הקדוש ברוך הוא - יא צו הקדוש ברוך הוא.

דער חובות הלבבות ברענגט דעם פסוק (תהלים טו, ד), **נִבְזֶה בְּעֵינָיו נִמְאָס** - ער האלט זיך פאר מינדערוויכטיג אין זיינע אייגענע אויגן. עס מיינט נישט אז ער איז טאקע אזוי, אבער אין זיינע אייגענע אויגן, ווען ער ווייסט אז ער שטייט פאר די געוואלדיגע גרויסקייט פונעם אויבערשטן, פילט ער זיך אויטאמאטיש בהכנעה, און דעריבער ווען ער האנדלט מיט אנדערע מענטשן - נישט קיין חילוק ווער - פירט ער זיך אויף ווי א מינדערוויכטיגער מענטש.

דעריבער אויב ער איז אן עניו, אדער אויב ער וויל זיך האלטן בהכנעה, ווערט ער נישט אויפגערעגט אויף אנדערע, ער געבט נישט קיין באפעלן פאר אנדערע מענטשן. ער וועט נישט אראפקוקן אויף קיינעם, ער וועט נישט האבן קיין עקשנות אז זאכן מוזן גיין דוקא ווי אזוי ער פארשטייט. ער איז דאך בעצם מינדערוויכטיג, וויבאלד ער שטייט דאך פאר'ן באשעפער. אזוי קומען נאך אלע אנדערע גוטע מדות פון בין אדם לחבירו. ער רעדט העפליך צו יעדן. ער איז א בעל חסד. ער איז א מוותר. און ער באקומט אן אמת'ער לב טוב מיט א גוטע נאטור צו יעדן איינעם.

דאס דארף מען אבער גאר אסאך ערקלערן, און עס איז ווערד. ווי אזוי א ריכטיגער עניו פירט זיך מיט אנדערע מענטשן, מיט זיין פרוי, זיינע שכנים, זיינע ארבייטער, זיין בעל הבית; און אין אלגעמיין, צו אלע מענטשן. אפילו ווען ער טרעפט א גוי, רעדט ער העפליך און מענטשליך. ער איז נכנע צו יעדן איינעם וויבאלד ער איז נכנע צום אויבערשטן. וויפיל עס איז מעגליך, דארפן מיר זוכן צו זיין נכנע פאר'ן אויבערשטן, בשעת מיר געבן זיך אפ מיט אנדערע.

## בהכנעה פאר אנשים חשובים

דער צווייטער סארט פון אויפפירונג, וואס ווייזט אז דער מענטש איז נכנע אונטער'ן אויבערשטן איז, **כשיפגע חכמים בדעת אלקים ותורתו** - ווען ער באגעגנט חכמים וואס קענען

תורה און די וועגן פון תורה. ווען ער האט א געלעגנהייט צו קומען אין באַרירונג מיט אזעלכע וואס זענען נאנט צו השי"ת, פירט ער זיך מיט ענוה און ער עפנט זיינע אויערן צו הערן וואס זיי זאגן.

ווי עס שטייט, **שחו רעים בפני טובים** - די שוואכערע זאלן נידערן פאר די בעסערע. ווען ער באגעגנט חשוב'ערע מענטשן וואס זענען נאנט צום אויבערשטן, האלט ער זיך בענוה. ווען ער טרעפט אזעלכע וואס זענען מער פון אים, אנערקענט ער עס. סיי זיי זענען גרעסערע למדנים פון אים, און סיי זיי זענען מער ערליך פון אים, פירט ער זיך בהכנעה אין זייער געגנווארט, און ער זוכט הדרכה פון זיי, וויבאלד ער ווייסט אז זיי וויסן וואס זיי רעדן.

לאמיר זאגן, אז א צדיק רופט דיך, און זאגט, "ר' חיים, איך וויל רעדן צו דיר וועגן דיין אויפפירונג". זאלסטו נישט זאגן, "מיין אויפפירונג? וואס איז די פראבלעם?"

ניין, אויב דיין רבי רופט דיך, דארפסטו אויסהערן. דו ביסט זיך מכניע פאר אים, און דו זאגסט, "יא רבי, איך בין גרייט צו הערן".

זאגט דער רבי, "איך הער אז דו פירסט דיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין אינדערהיים. דיין פרוי האט טענות. דו דרייסט דיך אין די קיך, דו שטעקסט אריין דיין נאז אין די טעפ. דו קריטיקירסט איר און דו קלאפסט איר אראפ כסדר. וואס האסטו צו זוכן אין די קיך? גייט זי אריין אין דיין געשעפט, אין דיין אפיס, און זאגט דיר וואס צו טוען?"

ועסטו אויסהערן און זאגן, "יא רבי, איך בין מקבל!" אפילו עס איז עפעס וואס דו פארשטייסט נישט. ווייל אזוי דארף עס צו זיין. אפילו אויב דו פארשטייסט נישט, פירסטו זיך בהכנעה.

דעריבער אויב דו פירסט זיך בהכנעה, און ריכטיג צו ערליכע מענטשן, צו צדיקים און תלמידי חכמים, און דו נעמסט אן וואס זיי זאגן, דו הערסט זיי אויס, דאס איז א סימן, אז דו ביסט אן עניו. דאס איז א צייכן אז דו ביסט נכנע צום אויבערשטן. וויבאלד זיי זאגן דיר נישט זייערע אייגענע מיינונגען, זיי זאגן דיר דעת תורה. זיי זאגן דיר דעם רצון השם.

## הכנעה ווען אנדערע לויבן דיך

א דריטער סימן פון אן עניו איז, ווען איינער וועט לויבן דעם מענטש מיט זיינע גוטע מדות, **חייב ליכנע** - דארף ער ווערן נאכמער בהכנעה אלס תוצאה. ווען מענטשן לויבן אים פאר זיין גוטסקייט, ווען זיי זאגן, "דו האסט אזא גוטער כאראקטער", אדער "איך האב געהערט גוטע זאכן אויף דיר", דאס אליין זאל ברענגען מער הכנעה. ווי אזוי?

א מענטש וואס מ'זאגט אויף אים לויב-ווערטער, לאמיר זאגן מ'מאכט אים אן אורח הכבוד, און מ'זאגט אויף אים שבחים. וואס זאל ער טוען? טיף אינעווייניג ווייסט ער אלעס וואס ער האט אמאל געטוען, און אלעס וואס ער טוט נאך יעצט, **ויעבור על לבו** - און ער טראכט דערפון אין יענע צייט. ער טראכט, 'ווי קען איך מיך פרייען, נאר ווייל מענטשן מאכן אין מיר א טעות? ניין, פארקערט גאר, עס טוט מיר וויי דאס צו הערן, וויבאלד איך ווייס אז דער באשעפער ווייסט דעם אמת. ער ווייסט ווי שלעכט מיינע מעשים זענען. ער ווייסט, אז איך

האב נישט יוצא געווען אין מיינע פליכטן צום אויבערשטן.

ס'איז וויכטיג פאר מענטשן, ווען מ'לויבט זיי, נישט צו ווערן פארפירט פון די לויב-ווערטער, וויבאלד עס קען זיי אוועקשלעפן. עס קען זיי פארדרייען א קאפ, און זיי מאכן טראכטן, 'מענטשן זאגן דאך אזוי, מוז זיין אז עס איז אמת'. ניין! עס איז בכלל נישט אזוי. פארקערט, ער זאל עס אויסנוצן אלס א געלעגנהייט, צו טראכטן דאס פארקערטע. ער זאל טראכטן אלעס וואס ער ווייסט פון זיך אליין.

דעריבער, ווען מ'לויבט אים אויס, אפילו די קלענסטע זאך, געוואוינט ער זיך איין צו טראכטן, וועגן אלע זיינע נישט גוטע זאכן וואס מענטשן ווייסן נישט. ער האלט זיך בהכנעה אין הארצן, און ער טראכט, 'ווייסן זיי דען אלע שלעכטע זאכן וואס איך האב שוין געטועןן, וואס השי"ת האט געהאלפן באהאלטן פון זיי? דער אויבערשטער האט רחמנות אויף מיר, און ער האט דאס באהאלטן אז זיי זאלן נישט וויסן דערפון, כדי איך זאל קענען תשובה טוען'.

ער זאל זיך אודאי נישט פרייען, אז מענטשן זענען זיך טועה אין אים, און טראכטן אז ער איז א גוטער מענטש. פונקט פארקערט, ער זאל זיין טרויעריג, ווייל דער באשעפער ווייסט יא. דעריבער, וואס מער מ'לויבט אים, ווערט ער מער נכנע און בענוה. בשעת מ'לויבט אים, טראכט ער פון אלע נישט גוטע זאכן וואס ער האט געטועןן, און ווי אזוי ער האט נישט געטועןן אלע פליכטן וואס ער דארף פאר'ן באשעפער. דאס איז דער דריטער צייכן פון עמיצער וואס איז נכנע צום באשעפער. איז דאס נישט הערליך?

## הכנעה ווען אנדערע קריטיקירן דיך

די פערטע זאך איז... אוי, הלואי וואלטן מיר געהאט מער צייט צו שמועסן וועגן דעם מער באריכות. די פערטע זאך פונעם חובות הלבבות איז, **כשמספרים בגנותו** - ווען מענטשן רעדן וועגן זאכן וואס ער טוט נישט גוט, **יכנע לבורא** - זאל מען זוכן צו זיין בהכנעה פאר'ן בורא כל עולמים. **ויודה לו על כל אשר גילה לו מעט מהרבה** - און ער זאל אים דאנקען אויף דאס ביסל וואס ער זאגט אים, דאס ביסל פון אסאך מער וואס ער וואלט אים געדארפט זאגן. הקב"ה איז געווען גוט צו אים, און יענער האט אים נאר געזאגט א קליין ביסל, **כדי לייסרו ולהוכיחו** - כדי אים צו מוסר'ן און קריטיקירן. **כדי שישוב לו** - כדי ער זאל זיך צוריקקערן צום אויבערשטן.

דאס איז דער וועג ווי אזוי אן עבד ה' רעאגירט צו קריטיק. ער זאל זיין נכנע און זאגן, "מ'האט דאס מיר געשיקט כדי איך זאל תשובה טוען און ווערן בעסער און בעסער". ווען עמיצער רעדט קעגן אים, ווען איינער קריטיקירט אים, מ'זאגט עפעס קעגן אים, מ'רעדט לשון הרע וועגן אים, זאל ער זיין נכנע צום באשעפער, און ער זאל דאנקען דעם באשעפער אז ער האט נאר דערציילט אביסל אמת פאר די מענטשן.

ווען איינער רעדט קעגן דיר, אדער קריטיקירט דיך, ווער נישט אויפגערעגט. "ווי אזוי קען ער אזוינס זאגן קעגן מיר?" און אויב איינער זאגט דיר, "דו ביסט א פאדארבענער יונג!" כאפ אריין די געלעגנהייט. עס מיינט נישט אז דו מוזט מודה זיין דערין. דו האסט א רעכט זיך

צו באשיצן, אבער דו זאלסט פארשטיין, אז השי"ת שיקט דיר דא א מעסעדזש. פארבעסער דיך, טוה תשובה. קען זיין ס'איז אמת. יעדער מענטש האט עפעס פארדארבנקייט אין זיך. דו דארפסט דאנקען דעם אויבערשטן, אז מ'האט דיר דאס געלאזט וויסן. רוב מענטשן ווייסן גארנישט וועגן זיך אליין. זיי מיינען אז זיי זענען פערפעקט. ממילא זאלסטו זיך פרייען, אז דער באשעפער האט רחמנות אויף דיר און שיקט דיר א דערמאנונג.

דאס מיינט אזוי: דא האסטו א געלעגנהייט! אויב דו געדענקסט אז דו שטייסט פאר'ן אויבערשטן, וועסטו אים דאנקען דערויף. ס'איז א מתנה פון הימל. קיינער וויל דיר נישט זאגן דעם אמת, כאטש זאגט דיר איינער דעם אמת. קיינער קימערט זיך נישט איבער דיר. און דא האסטו כאטש איין מענטש וואס איז גרייט דיר צו זאגן דעם אמת.

דעריבער, אויב האסטו דעם גוטן מזל אז איינער קריטיקירט דיך - דיין פרוי קען דיר זאגן קריטיק פון צייט צו צייט - זאלסטו גוט אויסהערן. אויב דיין פרוי זאגט דיר אז דו ביסט נישט גוט - אגב איר זאלט דאס קיינמאל נישט זאגן פאר אייערע מענער, וויבאלד וואס מער איר זאגט אים אז ער איז נישט גוט, וועט ער נאר ווערן ערגער... א פרוי דארף אלעמאל זאגן פאר איר מאן ווי גוט ער איז., אבער זי מאכט א טעות און זי זאגט אזוי... זי זאגט עפעס נישט גוט וועגן דיר, ווער נישט אויפגערעגט און ענטפער נישט. טראכט אריין, עס קען זיין אמת! טראכט צו זיך, 'ברוך השם אז זי ווייסט נישט ווי נישט גוט איך בין באמת!'

עס זענען דא נאך עטליכע משלים אין חובות הלבבות. ס'איז כדאי אליין נאכצוקוקן. ס'איז אין פרק ד' אין שער הכניעה. מיר האבן שוין אבער נישט קיין צייט היינט נאכט. מיר דארפן שוין ענדיגן דעם שיעור. אבער אפילו וואס מיר האבן שוין יא אויסגעשמועסט, איז דא גענוג און נאך מיט וואס צו ארבעטן. אזעלכע געלעגנהייטן מאכן זיך כסדר. מיר דארפן נאר מאכן זיכער, אז מיר באמערקן זיי, און מיר נוצן זיי אויס.

אויב ווילן מיר כסדר כאפן די געלעגנהייטן ווען זיי קומען אונטער, און אין די זעלבע צייט קריכט איר אויפ'ן בארג פון יראת ה' - איר ווערט מער און מער באוואוסטזיניג פונעם בורא כל עולמים, דורך נעמען אין אכט די געוואלדיגע ענינים אין די בריאה. דו קוקסט כסדר ארויף אויפ'ן הימל, און דו אנערקענסט מער און מער גדלות הבורא. ממילא, צוביסלעך, **מי יעלה בהר ה'**, וועסטו ארויפקריכן אויפ'ן בארג פון יראת ה', און דערנאך אויפ'ן בארג פון הכנעה און ענוה. און דו וועסט אויסנוצן דיין לעבן זיך כסדר צו פארבעסערן. וויבאלד וואס נענטער מ'ווערט, אנערקענט מען מער און מער, און מ'ווערט נאכמער בהכנעה, און וואס מער נכנע א מענטש איז צום אויבערשטן, אלץ מער האט ער עררייכט זיין ציל אויף די וועלט.

בעצם הייב איך נאר יעצט אן וואס איך האב געוואלט זאגן... זייט מיר מוחל אז האב אפילו נישט אנגעהויבן. איך האב קוים אנגערירט די ערשטע פאר שורות. אבער דאס איז עפעס וואס איז גאר וויכטיג יעדן טאג. יעדן טאג דארף מען פרובירן זיך צו פארבעסערן אביסל מער, און אזוי וועט מען האבן הצלחה, אנצוקומען צו די שלימות אויף וואס מיר זענען באשאפן געווארן.

**א גוטן שבת!**

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**ווי אזוי דארפן מיר ריכטיג אויפנעמען דעם נס פון פורים, אויב עס איז געווען א נס נסתר וואס איז געווען באהאלטן אין דעם דרך הטבע?**

**תשובה:**

דער תירוץ איז, אז אמאל איז א זאך אזוי איבערראשנד, אז מ'קען עס פשוט נישט באהאלטן. די אמעריקאנער רעגירונג פירט אדורך נוקלעארע פראבעס - אויפרייסונגען - און זיי פרובירן עס צו באהאלטן, אבער די פארשער וואס האבן די ריכטיגע אינסטרומענטן דערפאר ווייסן וואס טוט זיך. זיי קענען אייך זאגן וואו עס גייט פאר און ווען. אייער מח איז אייער אינסטרומענט. מיט א ביסעלע מחשבה, קענט איר זען די האנט פון אויבערשטן.

טייל זאכן קען מען נישט באהאלטן. און ווען המן, וועלכער איז געווען דער באליבטסטער שר, איז נישט נאר מער נישט באליבט, נאר ער ווערט אפגעווישט... און נישט נאר דאס. נאר דער וואס נעמט זיין פלאץ, איז דער אויף וועמען מ'האט די וויינ־גסטע גע'חלומ'ט אז עס קען מעגליך זיין. דאן קען דער גרעסטער נאר פארשטיין ווער עס שטייט אונטער דאס אלעס. **יושב בשמים ישחק** - דער וואס וואוינט אין הימל לאכט! דער באשעפער האט דא אפגעשפילט א גוטער וויץ, און יעדער קען עס זען.

דעריבער, **ראו כל אפסי ארץ את ישועת אלקינו** - פון אלע עקן פון די וועלט האט מען געזען, אז דאס איז געווען א ישועה פון אויבערשטן. ס'איז געווען שטארק קלאר פאר יעדן איינעם. ס'איז נאר, אז אויב לייגט מען נישט צו קאפ, זעט מען גארנישט. און איר וועט בלייבן דער זעלבער וואס איר זענט געווען פאראיאר, און א יאר פריער, און דאס יאר פאר דעם. אבער דער קלוגער מענטש וועט אויסנוצן פורים צו זען ווי השי"ת טוט אלעס פאר כלל ישראל, און ער וועט ליב האבן דעם אויבערשטן. דער מענטש וועלכער בלייבט דער זעלבער א טאג נאך פורים, ווי ער איז געווען א טאג פאר פורים, האט ער פארלוירן א געוואלדיגע געלעגנהייט.


- להחזיר עטרה ליושנה -

**מען דארף זייער נזהר זיין צו האלטן בכבוד'יג די עלטערען און ח"ו נישט מצער זיין**

**הלכות ושאלות ענינים**

**כיבוד אב ואם האטליין: 845-777-8822**

צו מנדב זיין און צו שטיצן דעם גאר וויכטיגן פראיעקט רופט דעם אויטאמאטישע נדבות סיסטעם 646-860-9985